נר.: 10097/29

# מודעה.

דורך א פובליקאציע פון דער פרימאריא טשער־נאָװיץ נר. 16964/29 פונם 18־טן דעצעמבער איז די יידישע באפעלקערונג פארשטענדיקט געװאָרן, אז אָנגעהויבן פונם 1־טן יענער 1930 װערט די מעט־ריקע איבערגעפירט אין ציװילן אמט.

אלע פאלן פון געבורטן און שטארבן מוזן באַ־קאנט געגעבן װערן דעם ציװילן אמט צו דער פאָר־געשריבענער צייט, אויך פראָיעקטירטע חתונות מוזן דאָרט געמעלדעט און דורכגעפירט װערן. די קהלה האָט אָבער דעם גרעסטן אינטערעס צו זיין אינפאָר־מירט װעגן אלע געבורטן, חתונות און טויט־פאלן און דאס נישט צוליב ריינע סטאטיסטישע טעמים נאָר עיקרדיק צוליב רעליגיעזע. די זשערענטשאפט פון דער קהלה, איז דערפאר מודיע אז לויטן איינ־שטימיקן באשלוס פונם פאָרשטאנד פונם 31־טן דע־צעמבער 1929 און בהסכם מיט די געזעצלעכע באַ־שטימונגען זענען אָנגענומען געװאָרן פאָלגענדע החלטות, װעלכע זענען שוין גילטיק פונם 1־טן יענער 1930:

1) חתונות.

די געזעצליכע חתונה װעט פונם 1־טן יענער 1930 פאָרקומען פארן ציװילן אמט, די רעליגיעזע פארן ראבינאט נאָך אָט די באשטימונגען:

1) כדי צו קאָנסטאטירן צי ס'איז נישט פאראן א רעליגיעזע מניעה קומען פאָר אויסרופונגען אין טעמפל דורך דריי שבתים אָדער יום־טוב טעג נאָכ־אנאנד. די חתונה מוז דערפאר דריי װאָכן דערפריער געמעלדעט װערן אין דער קהלה, אָפטיילונג ראבינאט. ביי חתונות פון פאָרפאָלקן, װעלכע װאוינען נישט אין דיסטריקט פון דער טשערנאָװיצער קהלה מוזן דורכ־פירן אויסרופונגען ביי זייער צושטענדיקן ראבינאט.

2) די רעליגיעזע חתונה־צערמאָניעס מעגן דורכ־געפירט װערן לויט די באשטימונגען פון דער קהלה נאָר פון די בארעכטיקטע ראבינער פון דער קהלה טשערנאָװיץ, נאָך ארטיקל XII פון דער פאראָרדנונג פונם מיניסטעריום פאַר קולטוס און קונסט פונם 3־טן נאָװעמבער 1928 נר. 469 B (מ. א. נר. 250 פונם 8־טן נאָװעמבער 1928 טאָר אן אנ־עורע, ביי שטרענגער שטראָף, נישט דורכפירן ריטועלע חתונות.

3) יעדע רעליגיעזע חתונה װערט רעגיסטרירט אין חתונות־בוך, פארן רעגיסטרירן צאָלט מען נישט קיין שום טאַקסע, אויך יעדער גט װערט אומזיסט רעגיסטרירט.

2) געבורטן.

יעדער געבורטס־פאל אינ'ם דיסטריקט פון דער ייד. קהלה אין טשערנאָװיץ מוז מען מעלדן ביז 3 טעג אין ביוראָ פון דער קהלה. די גבאים פון די שולן און בתי־מדרשים װערן אויפגעפאָדערט נישט צוצולאָזן צו געבן א נאָמען. די מוהלים נישט מל צו זיין — ביז דער באטרעפנדיקער װעט נישט חייזן א באשטעטיקונג װעגן דער רעגיסטראציע פון דער קהלה.

3) טויטפאלן.

יעדער פאל פון טויט מוז געמעלדעט װערן אין דער קהלה, װוּ ס'װערט פארעגיסטרירט אין טויטן־בוך.

טשערנאָװיץ, יענער 1929.

דער קהלה־זשערענט

**דר. גוטהערץ.**

נר. 10147/29

## פון דער קהלה, טשערנאָװיץ

די זשערענטשאפט פון דער טשערנאָװיצער קהלה שיקט אונז צו פאָלגנדיקן קאָמוניקאט:

כדי צו אונטערשטיצן די קהלה־פארװאלטונג אין איר אָנפירונג מיטן יידישן שפיטאָל האָט די זשע־רענטשאפט באשטימט אויפן איניציאטיװ פונם ה' סאניטעטסראט דר. אנהויך א סאניטערן ביראט אין װעלכן ס'גייען אריין די הערן: סאניטעטס־ראט דר. אנהויך, פאָרזיצער פון דעם ערצטע־פאריין דר. גוסטאװ שיפטער, פרימאריוס דר. יוליוס שטייער־מאַן און מעדיצינאלראט דר. משה װיינרעב. דער פאָרזיצער פון דעם סאניטארן ביראט איז הער דר. דוד אנהויך.

דער סאניטערע ביראט האָט שוין אָנגעהויבן זיין טעטיקייט.

טשערנאָװיץ, אָנהויב יענער 1930.

**די קהלה־זשערענטשאפט.**

פעריס־סעזאָן 1929—1930

איינלאדונג.

**פעלץ־אטעליער**

**ל. גיפס**

טשערנאװיץ

סטר. רעזשעלע פערדינאנד 18

(הויפטשטראָז 18)

אימפאָרטירט פעלץ־לאגער דירעקט פון לייפציג.

ערשטקל. בריטשװאנץ־פערזיאנער

אויך פעלצמענטל פון 10.000 ליי און העכרע

אריגינאל בערלינער

או װינער מאדעלן.

פיינסטע ארבעט נאָך מאָס

פון אייגענע װי אויך פון מיטגעבראכטע מאטעריאלן.

אבאנירט דעם אומאָפהענגיגן ארגאן

„טשערנאװיצער בלעטער".

פארבעריי און כעמ. רייניקונג

„RECORD"

א. גראָס,

טשערנאװיץ: רוסישעג. 7: ראטהויזשטר. 25.

רייניקט,

פארבט

אלצרינג

ספעציאל־אָפטיילונג: הערנהוט־רעפאראטורן

קינדעראַרצט

**ד״ר ארנאָלד לאנדוי**

האט זיך באזעצט אין טשערנאָװיץ נאָך א לאנג־יעריקער פראקטיס אלס געװעזענער װאָל. אסיסטענט און לייטער פון אן אָפטיילונג ביים קאיזער פרידריך־קינדער־שפיטאל בערלין (פראָפ. פינקלשטיין) געװ. װאָל. אסיסטענט פון דער אוניװערזיטעטס־קינדער־קליניק לייפציג (פראָפ. בעסוי), געװ. װאָל־אסיסטענט פון דער אָרטאָפעדישער קליניק לייפציג (פראָפ. שעדע), געװעזענער װאָלאָנטער אויף דער אָפטיילונג פאר אינערע קראנקהייטן אויף דער אוני־װערזיטעטס־קליניק ברעסלוי (פראָפ. מינ־קאָװסקי) און נעמט אויף אין אלע קראנקהייטן פון

קינדער און זויג־קינדער

פאָרמ. 12—11 נאָכמי 5—3 אין

זיבנבירגערשטראָס נר. 7 (נייבוי)

באראטונג פון מוטער! הויך־זין!

**נאָר דורך א שריפטלעכער מעלדונג װערט איינגעשטעלט דאס צושיקן פון די „טש. בל."**

**Friedrich Fischer**

**Prima fabrica de sticlări, geamuri si becuri electrice**

**PUTNA (judeţul Rădăuţi)**

טעלעגראף־ און טעלעפאָן־סטאציע

באַן און פאָסט־סטאציע

פראדוצירט

**שויבען־גלאז**

אין אלע גרויסן און שטארקייטן פון 1 איינהאלב מילימעטער ביז 4 מילימעטער און אין די נויטיקע דימענזיעס.

**צילינדער־גלאז**

אין פאָלגענדע מינים: גלעזער פאר דער באלעבאטישקייט פרעס־גלעזער, געשליפענע, גילאשירט און פאנטאָגראפירט גלאז, הייס און קאלט באמאָלט גלאָז און אלע באדארפס־ארטיקלען אין גלאז פאר אפטייקן, דראָגוריען און פארן פארקויף פון משקאות.